# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

**פקודי - חודש אדר**

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד
054-8494370

# תוכן הענינים

## דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר - הֲכָנָה צוּ פּוּרִים


דִי שִׂמְחָה אִין 'אֲדָר' גֵייט מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא ........ ה

חוֹדֶשׁ אֲדָר - אַ חוֹדֶשׁ פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב ........ ו

חוֹדֶשׁ אֲדָר הָאבְּן דִי אִידְן דִי מַזָּל פוּן עֵשָׂו ........ ו

מִיחַיֵּב אִינִישׁ לְבְסוּמֵי בְּפּוּרַיָּא ........ ז

אַ רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה ........ ח

מַסֶּכֶת מְגִלָּה מְסֻגָּל לְיִרְאַת שָׁמַיִם ........ ט

יְמֵי הַפּוּרִים לֹא יִהְיוּ בְּטֵלִים ........ ט

יְסוֹד הַמְּגִלָּה - אֱמוּנָה בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית ........ י

מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעשְׁפִּירְט... ........ יא

זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין ........ יב

דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט אוּנְז סִיגְנַאלְן ........ יג

# פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי - חוֹדֶשׁ אֲדָר

## דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר – הֲכָנָה צוּ פּוּרִים

☆ דִי שִׂמְחָה אִין 'אֲדָר' גֵייט מִדַּרְגָא לְדַרְגָּא ☆ חוֹדֶשׁ אֲדָר - אַ חוֹדֶשׁ פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב ☆ חוֹדֶשׁ אֲדָר הָאבְּן דִי אִידְן דִי מַזָּל פוּן עֵשָׂו ☆ מִיחַיֵּב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא ☆ אַ רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה ☆ מַסֶּכֶת מְגִלָּה מְסֻגָּל לְיִרְאַת שָׁמַיִם ☆ יְמֵי הַפּוּרִים לֹא יִהְיוּ בְטֵלִים ☆ יְסוֹד הַמְּגִלָּה - אֱמוּנָה בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית ☆ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעשְׁפִּירְט... ☆ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין ☆ דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט אוּנְז סִיגְנַאלְן

### דִי שִׂמְחָה אִין 'אֲדָר' גֵייט מִדַּרְגָא לְדַרְגָּא

**מִיר** זֶענֶען שׁוֹין אַרֵיין אִין דִי לֶעצְטִיגֶע חוֹדֶשׁ 'אֲדָר', דִי גְמָרָא זָאגְט (תענית כט.) "**כְּשֵׁם שֶׁמִּשֶּׁנִּכְנַס אָב** אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָב **מְמַעֲטִין בְּשִׂמְחָה** פַארְמִינֶערְט מֶען שִׂמְחָה, **כַּךְ** פוּנְקְט אַזוֹי **מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר** וֶוען עֶס קוּמְט אֲדָר **מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה** פַארְמֶערְט מֶען שִׂמְחָה", דֶער שְׂפַת אֱמֶת פְרֶעגְט לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס מֵיינְט דָאס 'פוּנְקְט אַזוֹי', וָואס אִיז דֶער דִי פַארְגְלַייך פוּן דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים?

**עֶר** עֶנְטְפֶערְט: אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוערְט דִי אֲבֵילוּת שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער וִוי נֶענְטֶער מֶען קוּמְט אָן צוּ תִּשְׁעָה בְּאָב - רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב זֶענֶען שׁוֹין דָא הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת, 'שָׁבוּעַ שֶׁחָל בּוֹ תִּשְׁעָה בְּאָב' [דִי וָואךְ פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב] זֶענֶען דָא נָאךְ מֶער הֲלָכוֹת, 'ז' אָב' הָאט נָאךְ מֶער הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת, עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב נָאךְ מֶער, אוּן דֶערְנָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב – 'פוּנְקְט אַזוֹי' דַארְף זַיין חוֹדֶשׁ אֲדָר, **מֶען זָאל כְּסֵדֶר מַרְבֶּה זַיין מֶער אוּן מֶער שִׂמְחָה,** מְ'דַארְף גֵיין 'מִדַּרְגָא לְדַרְגָּא' אִין מִדַּת הַ'שִּׂמְחָה' בִּיז דִי שְׁפִּיץ אִין 'עֶצֶם יוֹם הַפּוּרִים', מֶען הֵייבְּט אָן רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר, אַזוֹי וֶוען עֶס קוּמְט פּוּרִים זָאל מֶען שׁוֹין הָאבְּן צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶער הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת אִין שִׂמְחָה.

**דֶערְפַאר** וָואס חֲזַ"ל זָאגְן מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר אִיז דָא אַ חִיּוּב פוּן 'מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה', אַ חוֹדֶשׁ וָואס אִיז גֶעוִוידְמֶעט פַאר שִׂמְחָה, מֵיינְט דָאס אַוַודַאי אַז עֶס קוּמֶען אַרָאפּ הַשְׁפָּעוֹת פוּן שִׂמְחָה, **מִיר קֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זַיין פְרֵיילֶעךְ!**

**עֶס** אִיז נִישְׁט קֵיין סוֹד אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁען מוּטְשֶׁענֶען זִיךְ זֵייעֶר מִיט דֶעם עִנְיַן פוּן שִׂמְחָה, וַוייל עֶס טְרֶעפְט זִיךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ דָא אוּן דָארְט, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי

טֶעג צוּ זַיין פְרֵיילֶעךְ, אוּן פוּן דֶעם שֶׁעפְּן שִׂמְחָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר[א].

**אִין** **זֵייעֶר אַסַאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים טְרֶעפְן מִיר אַז דוּרךְ דִי מִדָה פוּן שִׂמְחָה קֶען אַ מֶענְטְשׁ דֶערגְרֵייכְן שְׁלֵמוּת אִין אַלֶע עִנְיָנִים פוּן עֲבוֹדַת ה', דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַ גֶעוואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן שִׂמְחָה!**

## חוֹדֶשׁ אֲדָר - אַ חוֹדֶשׁ פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב

**פּוּרִים,** אִיז אַ צַייט פוּן 'קַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵאַהֲבָה' וְוי דִי גְּמָרָא (שבת פח) זָאגְט 'הָדָר קִבְּלוּהוּ מֵאַהֲבָה' אִידְן הָאבְּן פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁטֵייט אִין רַשִׁ"י "אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן פַאר זֵיי, **אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב** הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה".

**קוּמְט** אוֹיס אַז חוֹדֶשׁ "אֲדָר" אִיז אַ צַייט פוּן "הַכָּרַת הַטּוֹב" פַארְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יֶעדֶער פוּן אוּנְז בַּאקוּמְט פוּן הַשי"ת חֲסָדִים עַד אֵין שִׁיעוּר, יֶעצְט אִין חֹדֶשׁ אֲדָר אִיז אַ צַייט צוּרִיק צוּ בַּאצָאלְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַבִּיסְל, אַזוֹי וְוי דִי אִידְן אִין יֶענֶע טֶעג הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִכֹּחַ דִי מִדָה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב.

## חוֹדֶשׁ אֲדָר הָאבְּן דִי אִידְן דִי מַזָל פוּן עֵשָׂו

**חֹדֶשׁ** אֲדָר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט גָאר אַ גוּטֶע מַזָל וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי גְּמָרָא (תענית כט:) רַב פָּפָּא הָאט גֶעזָאגְט "אַ אִיד וָואס הָאט אַ סִכְסוּךְ מִיט אַ גוֹי, זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אִים [פְּרוּבִּירְן נִישְׁט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים] אִין חוֹדֶשׁ אָב, ווייל דֶעמָאלְטְס הָאבְּן דִי אִידְן נִישְׁט אַזַא גוּטֶע מַזָל, אוּן עֶר זָאל זֶעהְן זִיךְ יָא צוּ טְרֶעפְן מִיט אִים [אוּן זִיךְ דוּרךְ קוּמֶען דִי סִכְסוּךְ] אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, וַוייל דֶעמָאלְטְס הָאבְּן דִי אִידְן יָא אַ גוּטֶע מַזָל".

**דֶער** **רִיטְבָ"א** פְרֶעגְט: אַז לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס מֵיינְט דָאס אַז אִין אֲדָר הָאבְּן דִי אִידְן אַ גוּטֶע "מַזָל"? דִי גְּמָרָא זָאגְט דָאךְ (שבת קנו.) **אֵין מַזָל לְיִשְׂרָאֵל** דִי אִידְן הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין מַזָל, [נָאר אַלֶעס אִיז גְרָאד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט וְוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז גוּט פַאר אִים]. עֶנְטְפֶערְט דֶער רִיטְבָ"א, אַז אַזוֹי הָאט כִּבְיָכוֹל דִי פַארְשְׁטַאנְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער גוֹזֵר גֶעוֶוען, אַז אִין אֲדָר זָאל זַיין אַ גוּטֶע מַזָל פַאר דִי אִידְן, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד אִיז נִישְׁט רָאוּי, בַּאקוּמְט עֶר אַלֶעס גוּטְס אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר.

**אַ** שֵׁיינֶער טַעַם הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז בַּאקַאנְט אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים (זוהר הקדוש ח"ב דף יב.) אַז יַעֲקֹב אוּן

---

**א.** אמאל איז געקומען עפעס א גוטע איד קיין אנטווערפען חודש אדר, און דער פשעווארסקער רבי שליט"א האט אים מקבל פנים געווען מיט די ווערטער "חודש אדר דארף מען זיין פרייליך, שמחה איז דאך נישט אזוי פשוט?! קומט א גוטע איד אין שטעטל ווערט פרייליך, קען מען זיך מיטכאפן.

עֵשָׂו הָאבְּן זִיךְ צוּטֵיילְט מִיט דִי חֳדָשִׁים פוּן יָאר, פוּן דִי זוּמֶער חֳדָשִׁים הָאט יַעֲקֹב בַּאקוּמֶען 'נִיסָן אִיָּיר סִיוָן', אוּן עֵשָׂו 'תַּמּוּז אָב אֱלוּל', אוּן פוּן דִי ווִינְטֶער חֳדָשִׁים הָאט יַעֲקֹב בַּאקוּמֶען "תִּשְׁרֵי חֶשְׁוָן כִּסְלֵיו", אוּן עֵשָׂו "טֵבֵת שְׁבָט אֲדָר".

**שְׁטֵייט** אָבֶּער אִין סְפָרִים אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ גַנְבֶ'עְנֶען דִי סוֹף פוּן עֵשָׂו, זוּמֶער הָאט עֶר גֶע'גַנְבֶ'עט "אֱלוּל" אוּן ווִינְטֶער "אֲדָר", אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו" דִי סוֹף פוּן עֵשָׂו, קוּמְט אוֹיס אַז "אֲדָר" גֶעהֶערְט בְּעֶצֶם פַאר עֵשָׂו נָאר ס'אִיז גֶע'גַנְבֶ'עט פוּן אִים, אוּן וֶוען מִיר אִידְן הָאבְּן גֶע'גַנְבֶ'עט פוּן עֵשָׂו זַיין חֹדֶשׁ, הָאט מֶען מִיט גֶענוּמֶען דֶער גוּטֶע מַזָּל אוֹיךְ, ווייל גוֹיִם זֶענֶען דָאךְ יָא אוּנְטֶער דִי מַזָּלוֹת.

**אוּן** ווָעגְן דֶעם הָאט זִיךְ הָמָן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אֲדָר, ווייל דָאס אִיז דָאךְ אַ חוֹדֶשׁ וָואס גֶעהֶערְט בֶּאֱמֶת פַאר זַיין זֵיידְע עֵשָׂו, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט אַז דֶער חֹדֶשׁ וֶועט וֶוערְן צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים, דוּרךְ דִי תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה פוּן מָרְדְּכַי אוּן דִי אִידְן אוּן בִּפְרָט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דָאס אַלֶעס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער **קוֹל יַעֲקֹב** הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף דִי **יְדֵי עֵשָׂו**, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה.

### מִיחַיֵּב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא

**דֶער** כֹּחַ אוּן מַזָּל פוּן חֹדֶשׁ אֲדָר קֶען מֶען אוֹיךְ זֶעהְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן חֲתַם סוֹפֵר (סוכה מו., שו"ת אוח סימן קפה), ווִי עֶר אִיז מַסְבִּיר דִי בַּאקַאנְטֶע גְּמָרָא (מגילה ז:) פוּן "חַיָּב אִינַשׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי" מֶען דַארְף זִיךְ שִׁכּוֹר'ן אִין פּוּרִים בִּיז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אָרוּר הָמָן אוּן בָּרוּךְ מָרְדְּכַי.

**דֶערְנָאךְ** פַּארְצֵיילְט דִי גְּמָרָא דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז דִי צְווֵיי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים רַבָּה אוּן ר' זֵירָא זֶענֶען גֶעזֶעצְן צוּזַאמֶען אוּן גֶעגֶעסְן אַ סְעוּדָה פּוּרִים, אוּן רַבָּה הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אָנְגֶע'שִׁיכּוֹר'ט, אִין פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען 'קָם רַבָּה שַׁחְטֵיהּ לר' זֵירָא' אִיז רַבָּה אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשָׁחְטְ'ן ר' זֵירָא. צוּמָארְגְנְס הָאט עֶר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן ר' זֵירָא אִיז גֶעוָוארְן צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג.[ב]

**פַארְצֵיילְט** דִי גְּמָרָא וֵוייטֶער: עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר, אוּן רַבָּה הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעוָואלְט זֶעצְן צוּם סְעוּדַת פּוּרִים מִיט ר' זֵירָא, הָאט ר' זֵירָא אִים גֶעזָאגְט "צוּ דֶען גֶעדֶענְקְסְטוּ נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר יָאר? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ נֵס".

**לִכְאוֹרָה** דִי צְווֵיי קֻשְׁיוֹת זֶענֶען מַמָּשׁ אַ סְתִירָה, קוֹדֶם זָאגְט דִי גְּמָרָא אַז

---

**ב.** דער מהרש"א איז מסביר אז רבה האט אנגעטרינקען רב זירא מער ווי געווענליך און דאס האט צוגעברענגט אז רב זירא זאל אריין פאלן אין בעט, וויבאלד ער האט נישט געקענט דערהייבן די מאס ווין וואס רבה האט אים געגעבן.

עֶס אִיז אַ חִיּוּב צוּ טְרִינְקֶען אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אוֹפֶן, אוּן גְלֵייךְ דֶערְנָאךְ בְּרֶענְגְט דִי גְּמָרָא אַז עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַזַא שְׁטְרוֹיכְלוּנְג דוּרְךְ שִׁכְּרוּת אוּן פּוּרִים, וָואס דָאס מֵיינְט לִכְאוֹרָה אַז מְ'זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען פּוּרִים.

**טֵייל** מְפָרְשִׁים (ב"י בשם רבינו אפרים) לֶערְנֶען טַאקֶע אַז דִי כַּוָּנָה פוּן דִי גְמָרָא אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַז מְ'פַּסְקֶנְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא חִיּוּב שִׁכְּרוּת, אָבֶּער דֶער רִי"ף אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּרֶענְגֶען יָא דֶער חִיּוּב פוּן טְרִינְקֶען.

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר, אַז דֶער רִי"ף אִין דִי רִאשׁוֹנִים לֶערְנֶען אַז סְתָם אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז עֶפֶּעס וֶועט גֶעשֶׁען דוּרְךְ שִׁכְּרוּת, וַוייל מִיר הָאבְּן דָאךְ אַ כְּלַל אַז 'שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָן נִזּוֹקִין', נָאר רַבָּה וָואס הָאט גֶעוְואוּסְט אַז זַיין מַזָּל אִיז 'מַאֲדִים'[ג] (דֶער מַזָּל וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף רְצִיחָה), עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמֶעגְט טְרִינְקְן, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס זַיין מַזָּל אִיז קֶען זִיךְ פַּארְלָאזְן אוֹיף רוֹב, אַז זַיין מַזָּל אִיז מִסְתָּמָא נִישְׁט מַאֲדִים, אוּן דַארְף נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין.

## אַ רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה

**אִין** מַסֶּכֶת סוֹפְרִים (פרק יד הלכה יח) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מִנְהָג, אַז אִין דֶער עֶרְשְׁטֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פוּן אֲדָר לֵיינְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע הַאלְבּ מְגִלָּה, אוּן דֶער צְווֵייטֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת פוּן אֲדָר לֵיינְט מֶען דִי צְווֵייטֶע הַאלְבּ מְגִלָּה. [וָוארְשֵׁיינְלֶעךְ אִיז דֶער מִנְהָג נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען בִּתְפוּצַת יִשְׂרָאֵל[ד]].

**דֶער** הֵיילִיגֶע חֲתַם סוֹפֵר אִיז מַסְבִּיר אַ פְּשׁוּטֶע טַעַם אוֹיף דֶעם מִנְהָג, אַז דֶער עִנְיָן אִיז מְ'זָאל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְוָה פוּן קְרִיאַת הַמְּגִלָּה, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי מְגִלָּה אֵיינְמָאל פּוּרִים אִיז שׁוֹין דָא, דִי מְגִלָּה אִיז דָאךְ לַאנְג, אוּן עֶס הָאט תִּלֵּי תִּלִּים פוּן פְּשָׁטִים אוּן רְמָזִים,

---

**ג.** די גמרא אין שבת (קנו.) זאגט אז דער וואס איז געבוירן אין מזל מאדים וועט פארגיסן בלוט, אדער א שוחט אדער א מוהל וכו', זאגט דארט רבה "איך בין געבוירן אין מזל מאדים [און מיט דעם אלעס פארגיס איך נישט קיין בלוט]", האט אביי אים געזאגט אז דו ביסט פארט מעניש עוברי עבירה.

**ד.** אין מסכת סופרים איז דא אסאך מנהגים וואס עס איז נישט אזוי איינגעפירט, עס איז דא מנהגים וואס עס איז בכלל נישט איינגעפירט אנדערע זענען יא איינגעפירט ביי א חלק פון כלל ישראל. דער מנהג פון קריאת המגילה איז איינגעפירט אין סקווירא, און אזוי פירט מען זיך ביי זיי עד היום.

דער סקווירא רבי זי"ע איז געווארן א אייניקל אין בעלזא ביים פריעדיגע רב זי"ע, און וויבאלד ער האט קיינמאל נישט געוואלט משנה זיין קיין שום ריר, האט ער זיך דארט אויך אזוי געפירט, און דער בעלזא רב זי"ע האט אים געפרעגט ווי איז דער מקור פון דעם מנהג, דער סקווירא רבי זי"ע האט נישט געענטפערט וועגן דעם כבוד פון בעלזא רב, צום סוף האט דער בעלזער רב מברר געווען אז די מקור איז אין מסכת סופרים.

פְּשַׁט רֶמֶז דְּרוּשׁ סוֹד, און אויב מ'וועט נָאר פּוּרִים זיך אַרייַנְטוּהן אִין דִי מְגִלָּה וועט מען בִּכְלָל נִישְׁט דערגְיין אֲפִלּוּ דער רִיכְטִיגֶע פָּשׁוּט פְּשַׁט, מִמֵּילָא הָאט מען אֵיינְגֶעפִּירְט אַז מ'לֵיינְט דִי מְגִלָּה פוּן פְרִיעֶר כְּדֵי דִי הערְצֶער זָאלְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ ווערְן אָנְגֶעהֵייצְט, דִי זֶעהְל זָאל שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַן אִינֶערְלִיכֶע טַעַם און קֶענֶען שְׁפִּירְן אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן לֶעכְטִיגֶע טָאג פּוּרִים.

**מִמֵּילָא** אִיז פָּשׁוּט אַז אֲפִלּוּ מִיר הָאבְּן טַאקֶע נִישְׁט דֶער מִנְהָג, אִיז אָבֶּער אַוַודַאי פַּאסִיג אַז פַּאר פּוּרִים אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹנֵן און מְ'לֶערְנְט רִיכְטִיג דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע מְגִלָּה, סַיי אִין פַּשְׁטוּת הַפְּסוּקִים, און סַיי אִין סִפְרֵי דְּרוּשׁ וַחֲסִידוּת, וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען הָאבְּן אַ אֱמֶתְ'ע טַעַם אִין דֶעם הֵיילִיגֶען יו"ט פּוּרִים הבעל"ט.

## מַסֶּכֶת מְגִלָּה מְסֻגָּל לְיִרְאַת שָׁמַיִם

**עֶס** אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בַּאמֶערְקְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֵייט שׁוֹין אִין דִי רִאשׁוֹנִים (ר"ש והראב"ד על תורת כהנים פרשת בחקתי פרשתא א הלכה ג), אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס מ'לֶערְנְט מַסֶּכֶת מְגִלָּה אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן "זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק וגו' לֹא תִּשְׁכָּח", מִמֵּילָא קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פּוּרִים מִיט מַסֶּכֶת מְגִלָּה וְכַדּוֹמֶה, אִיז מֶען מְקַיֵּים מְחִיַּית עֲמָלֵק.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט פוּן דֶער שִׁינַאוֶוע רַב זי"ע אַז לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מְגִלָּה אִיז אַ סְגוּלָּה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם.

**און** לוֹיט דֶעם ווִי דִי רִאשׁוֹנִים זָאגְן אַז מַסֶּכֶת מְגִלָּה הָאט אִין זִיךְ דֶער כֹּחַ פוּן מְחִיַּית עֲמָלֵק, אִיז עֶס זֵייעֶר פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, ווייל בַּיי עֲמָלֵק שְׁטֵייט דָאךְ "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ... וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים", **עֲמָלֵק הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן השי"ת און דָאס הָאט עֶר אַרייַנְגֶעבְּרֶענְגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער,** עֶר אִיז זֵיי גֶעקוּמֶען קַאלְט מַאכְן פוּן עֲבוֹדַת השי"ת, עֶר הָאט אָפְּגֶעקִילְט דֶער אִינֶערְלִיכֶע אִידִישֶׁע גֶעפִיל, און מִיט דֶעם הָאט עֶר צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזִינְדִיגְט, און דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוָוארְן קַאלְט צוּ מִצְוֹת און צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, און דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען מֶעקְט אוֹיס און מ'פַארְטְרֵייבְּט דֶעם עֲמָלֵק פוּן אוּנְז דוּרְכְן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מְגִלָּה – וָואס מ'אִיז מִיט דֶעם מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַּית עֲמָלֵק (ווי דֶערְמַאנְט פְרִיעֶר), מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק, און מְ'קוּמְט צוּ צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם.

**ווייל** מִיטְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק וָואס הָאט גֶעוָואלְט פַארְמִינֶערְן דִי הֵיילִיגְקֵייט און דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אוּנְזֶער אִידִישֶׁע אָנְגֶעוַוארְמְטֶע הֶערְצֶער, פָּאדֶערְט זִיךְ צוּ צוּלֵייגְן מֶער און נָאךְ יִרְאַת הַשֵּׁם, און זִיךְ הֵיילִיגְן בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ לָאזְט זִיךְ זָאגְן אַז יֶעדֶע עֵסֶק אִין מַחֲשָׁבָה אִין דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן פּוּרִים, בְּרֶענְגְט צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִיבַּאלְד דֶער יו"ט פּוּרִים הָאט אִין זִיךְ מְחִיַּית עֲמָלֵק.

## יְמֵי הַפּוּרִים לֹא יִהְיוּ בְּטֵלִים

**עֶס** שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (שוחר טוב משלי ט) **כָּל הַמּוֹעֲדִים בְּטֵלִים וִימֵי הַפּוּרִים לֹא יִהְיוּ בְּטֵלִים,** אַלֶע יָמִים טוֹבִים וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן אֵיינְמָאל מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוֹיסֶער דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים.

**דֶער** חֲתַם סוֹפֵר אִיז מַסְבִּיר אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַז דִי תּוֹרָה וֶועט בָּטֵל וֶוערְן, זֹאת הַתּוֹרָה לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת. נָאר דֶער פְּשַׁט פוּנֶעם מִדְרָשׁ אִיז, וְוִיבַּאלְד וֶוען דִי גְאוּלָה וֶועט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן וֶועט וֶוערְן גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע מוֹפְתִים, מֶען וֶועט קֶענֶען טַאפְּן בְּחוּשׁ דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט, וָואס אַלֶע נִסִּים וָואס מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ יֶעצְט דָא אִין גָּלוּת, וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין מִינְדֶערְסְט פַּארְגְלֵייךְ צוּ דָאס וָואס מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, נֵס גְּאֻלַּת מִצְרַיִם וֶועט זַיין בָּטֵל לוֹיט דִי גְרוֹיסְקֵייט וָואס גֵייט דֶעמָאלְטְס פָּארְקוּמֶען.

**וִימֵי הַפּוּרִים לֹא יִהְיוּ בְּטֵלִים,** אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ וֶועט זַיין מִיטְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, טְרָאץ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע גְּלוּיִים וָואס מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן, וֶועט אָבֶּער יוֹם טוֹב פּוּרִים בְּלֵייבְּן אוֹיךְ לֶעָתִיד לָבֹא.

**וְוִיבַּאלְד** הָמָן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן עֲמָלֵק, אוּן וֶועגְן דֶעם פְרֵייעֶן מִיר זִיךְ פּוּרִים אַז הָמָן אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט, וָואס הָמָן אִיז גֶעוֶוען דֶעם עֲמָלֵק אִין יֶענֶע צֵייטְן, אוּן ווִי בַּאקַאנְט וֶועט דֶער גְּאוּלָה פָּארְקוּמֶען אֵיינְמָאל עֲמָלֵק אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט, אַזוֹי ווִי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רַשִׁ"י (סוֹף פָּרָשַׁת בשלח) **אֵין שְׁמוֹ שָׁלֵם וְאֵין כִּסְאוֹ שָׁלֵם עַד שֶׁיִּמָּחֶה שְׁמוֹ שֶׁל עֲמָלֵק כֻּלּוֹ**, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דֶער שִׂמְחָה זַיין אַז עֲמָלֵק אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט. שִׂמְחַת פּוּרִים אִיז אֵיינִיג מִיט דֶער זֶעלְבֶּע שִׂמְחָה וָואס מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין בַּיי דֶער גְּאוּלָה, דֶערְפַאר וֶועט פּוּרִים נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן אֲפִילוּ לֶעָתִיד לָבוֹא, ווַייל עֶס אִיז דָאךְ דֶער זֶעלְבֶּע סָארְט שִׂמְחָה, בֵּיידֶע אִיז דֶער פְרֵייד - מְחִיַּת עֲמָלֵק!

## יְסוֹד הַמְּגִלָּה - אֱמוּנָה בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית

**נָאךְ** אַ שַׁיָּכוּת זֶעהְט מֶען צְווִישְׁן דִי צְוֵויי דֶערְהוֹיבֶּענֶע צֵייטְן – פּוּרִים מִיט דֶער גְּאוּלָה הָעֲתִידָה.

**מִיר** זֶעהְן אִין מְגִלַּת אֶסְתֵּר, אַז בַּיי דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן פּוּרִים, אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן, בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי דִי גְּזֵרָה גֵייט בָּטֵל וֶוערְן, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיין בַּאפֶעל צוּ הַרְגְ'נֶען אַלֶע אִידְן, הָמָן הָאט גֶעקֶעמְפְט אוּן אָנְגֶעהֵיצְט דִי קֶענִיגְרֵייךְ אַקֶעגְן דִי אִידְן, דֶער מַצָּב אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער אוּן שְׁוֶוער, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵס אוּמְגֶערַאכְטְן בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע, אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז רַחֲמָנָא לִיצְלָן דִי זַאךְ גֵייט פַּאסִירְן ה' יְרַחֵם, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעגֶעבְּן אַ דְרֵיי אִיבֶּער אוֹיף אַ עֶקְסְטְרֶעמֶע אוֹפֶן, טְרָאץ וָואס עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן דִי גַאנְצֶע צֵייט בִּיטֶער שְׁווֶוער וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְ-גֶענוּמֶען מִיט צָרוֹת, בִּיז עֶס אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעשֶׁעהְן אַ נֵס אוּמְגֶערָאכְטְן.

**אוּן** ווִיאַזוֹי? דַוְקָא דוּרְךְ דִי פַּאסִירוּנְג וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען קוֹדֶם אַזוֹי שְׁוֶוער, אַז אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט פַּארְשְׁלֶעפְּט דִי צַדֶּיקֶת אֶסְתֵּר צוּ זַיין פַּאלַאץ, דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי יְשׁוּעָה.

**שְׁטֵייט** אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז פּוּנְקְט אַזוֹי וֶועט אוֹיסְזֶען בַּיי דִי גְּאוּלָה הָעֲתִידָה וָואס מִיר וַוארְטְן דֶערוֹיף יֶעדְן

**טָאג,** מְ'וָועט לֶעבְּן אִין אַ מַצָב וָואס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אֵייגֶענֶע פֶּעקְל, מְ'הֶערְט לֵיידֶער טְרָאגֶעדִיעֶס נִישְׁט פָּשׁוּט, בִּפְרָט יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַ זְמַן מִלְחָמָה, "מֶען הֶערְט פוּן מִלְחָמוֹת אוּן שְׁלַאכְטְן" דִי אַטְמָאסְפֶער זֶעהְט אוֹיס פַארְטִינְקְלְט, בִּיז פְּלוּצְלִינְג וֶועט זִיךְ גֶעבְּן אַלֶעס אַ דְרֵיי אִיבֶּער, מִיט אַמָאל גֵייט מֶען הֶערְן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר, עֶס וֶועט וֶוערְן אַנְטְפְּלֶעקְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, דֶער אֱמֶת גֵייט אַרוֹיס קוּמֶען מִיר גֵייעֶן מִיט הַאלְטְן דִי גְרוֹיסֶע נִסִים אוּן גְלוּיִים.

**אוּן** דֶעמָאלְס וֶועלְן מִיר זֶעהְן אַז דִי אַלֶע זַאכְן וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אוּן שְׁוֶוער, דַוְקָא דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי יְשׁוּעָה[ה].

**דֶער** רמ"א שְׁרַייבְּט (אִין סֵפֶר מְחִיר יַיִן אוֹיף מְגִלַּת אֶסְתֵּר, אִין דִי הַקְדָּמָה): **סִפּוּר הַמְּגִלָּה הִיא יָתֵד שֶׁכָּל הַתּוֹרָה תְּלוּיָה בָּהּ,** דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִלָּה דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה הֶענְגְט אִין דֶעם. דָאס אִיז דֶערְפַאר וַוייל פוּן דִי מְגִלָּה קֶענֶען מִיר אַרוֹיסלֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אוּנְזֶער בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן וִוי אוֹיךְ וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אִינְזִין שְׁטֶענְדִיג אִין אַלֶע מָאל.

### מָרְדְכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעשְׁפִּירְט...

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אסתר ב יא) **וּבְכָל יוֹם וָיוֹם מָרְדְכַי מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי שַׁעַר הַמֶּלֶךְ,** מָרְדְכַי הַצַּדִּיק אִיז גֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג בֵּיי דֶער קֶענִגְלִיכְן פַּאלַאץ. לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג זִיךְ אוּמְקוּקְן וָואס אֶסְתֵּר

---

**ה.** עטליכע יאר צוריק ווען עס האט זיך געטוהן אין אמעריקא בנוגע אז די רעגירונג האט געוואלט מאכן שינוים אין געוויסע אידישקייט ענינים, האט א געוויסע עסקן זיך אריינגעלייגט בעובי הקורה, און ער האט באוויזן צו מאכן א באגעגעניש מיט איינע פון די גאר גרויסע שישקעס וואס די אסיפה האט געקענט ברענגען גרויסע תוצאות.

למעשה איז די אסיפה באשטעטיגט געווארן אויף תשעה באב, האט דער עסקן נישט געוואוסט וואס צו טוהן, אויב ער וועט קומען מיט זיינע נישט מכובד'דיגע קליידער און נישט קיין נארמאלע שיך, קען דאס דאך מאכן א שלעכטע רושם, און די גאנצע ארבעט וועט גיין לטמיון.

למעשה האט דער איד נישט געזוכט קיין קולות, נאר ער איז געגאנגען מיט די בגדים, און זיך פארלאזט אויף השי"ת.

ווען ער איז אריינגעקומען צו דעם שר, האט יענער אים געפרעגט פארוואס ער זעהט אויס אזוי נישט מכובד'דיג, האט ער אים געזאגט אז פאר צוויי טויזענט יאר צוריק איז דער ביהמ"ק חרוב געווארן און כלל ישראל פראוועט נאך עד היום דער חורבן הבית.

ווען דער שר האט דאס געהערט האט דאס אים זייער באנומען, און ער האט גלייך געזאגט אז ער וועט מבטל זיין די גזירה, ווייל פון דעם האט ער געזען וואס כלל ישראל איז.

די זעלבע זאך וואס מ'האט קודם געמיינט אז דאס איז א צרה, למעשה איז דאס געווען די ישועה.

מַאכְט דָארְטְן, וָואס פַאר אַ נוּצְן הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק גֶעהַאט פוּן דֶעם, אוּן וֶועלְכֶע טוֹבָה אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶערְפוּן?

**לָאמִיר** זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין: מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק גֵייט לִפְנֵי שַׁעַר הַמֶּלֶךְ טָאג אֵיין טָאג אוֹיס, פַאר גַאנְצֶע זִיבְּן יָאר, מֵילָא דִי עֶרְשְׁטֶע תְּקוּפָה הָאט מֶען נָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶס קָאכְט זִיךְ דָא אוֹיס, אָבֶער מִיט דִי צַייט הָאט עֶר דָאךְ גֶעזֶען אַז דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת אֶסְתֵּר אִיז בְּבֵית הַמֶּלֶךְ אוּן שׁוֹין.

**מָרְדְּכַי** הַצַּדִּיק הָאט דָאךְ גֶעהַאט תַּלְמִידִים, עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט זַיין הֵיילִיגֶע שְׁטֵייגֶער פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁי"ת, יוֹמָם וָלַיְלָה אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס הָאט עֶר גֶעזֶעהן צוּ זִיךְ אַזוֹי מַקְרִיב זַיין אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ.

**דֶער** פְּשַׁט דֶערְפוּן אִיז, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט פַאר אַ צַדִּיק אַ עֶקְסְטֶערֶע הַרְגָּשָׁה, אַ גֶעפִיל צוּ קֶענֶען שְׁפִּירְן וואוּ מֶען קֶען פּוֹעֶלֶען אַ יְשׁוּעָה, אוּן עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אַז פוּן אָט דֶער גָאר אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע גֶעשֶׁעֶנִישׁ אַז אַ אִידִישֶׁע מֵיידְל אֶסְתֵּר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶער קֶענִיג אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אֶסְתֵּר וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי שֶׁבַע נְבִיאוֹת, הָאט עֶר פַּארְשְׁטַאנֶען אַז זִיכֶער גֵייט פוּן דָא אַרוֹיס קוּמֶען אַ יְשׁוּעָה.

**אוּן** כָאטְשִׁיג אַז דָאס אִיז אַוַודַאי אַ הֶעכֶערֶע עִנְיָן וָואס גֶעהֶערְט צוּ צַדִּיקִים[ו], אִיז אָבֶער דָא דֶערִין אוֹיךְ אַ לִמּוּד פַאר אוּנְז אַלֶע, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ לָאזְן פִירְן דוּרְךְ הַשֵּׁי"ת, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין זַיינֶע הֶענְט: אַז עֶר זֶעהט אַז דִי זַאךְ פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע וֶועג[ז], זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְ'עַקְשְׁנֶ'ען נָאר אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּ הַשֵּׁי"ת אוּן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין.

### זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין

**מֶער** אַ לְמַעֲשֶׂה'דִיגֶע יְסוֹד קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי הַנְהָגָה פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, אַז אֲפִלּוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהט נִישְׁט קֵיין קֵיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, נָאכְאַלְס דַארְף מֶען טוּן הִשְׁתַּדְּלוּת אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן זַיינְס. אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִיז צוּ טוּן, נִישְׁט אוֹיפְטוּהְן!

**אֵייִנְמָאל** אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹנֵן אַז דֶער הִשְׁתַּדְּלוּת אִין דִי גֶעוִויסֶע זַאךְ, אִיז דִי גֶעוִויסֶע פְּעֻלָּה, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר אָנְגֵיין פָּשׁוּט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט "בְּכָל יוֹם וָיוֹם", נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן, אוּן צוּם סוֹף וֶועט עֶר זֶען פֵּרוֹת.

**פוּן** מָרְדְּכַי זֶעעְן מִיר טַאקֶע אַז נָאר דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַ יְשׁוּעָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִינְאֵיינֶעם אַ מַפָּלָה פַאר הָמָן, ווייל וֶוען מָרְדְּכַי וָואלְט נִישְׁט

**ו.** מען זאגט ביי שמונה עשרה "משען ומבטח לצדיקים" די צדיקים האבן א באזונדערע משען ומבטח צו וויסן וואס מ'האט צו טוהן.

**ז.** אמאל איז וויכטיג זיך דורכצורעדן מיט א עלטערע תלמיד חכם א בר דעת, אדער דער קביעות'דיגע דעת תורה וואס ער פרעגט, צו הערן וואס מ'וויל פון הימל, וכדומה.

גֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג, וָואלְט עֶר נִישְׁט דַארְטְן גֶעוֶוען וֶוען בִּגְתָן און תֶּרֶשׁ הָאבְּן גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ, און דִי נֵס וָואלְט נִישְׁט צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען.

**דָאס** קוּמְט אוּנְז וֵוייזְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אוֹיסְפִּילְן זַיין תַּפְקִיד און זַיין צִיל אוֹיף דֶער וֶועלְט, און אֲפִלּוּ מֶען זֶעהְט נִישְׁט קֵיין הַצְלָחָה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ זַיין, נָאר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין און גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דֶער וֶועג, און וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר וֶועט זִיךְ אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגְן וֶועט עֶר זֶעהְן זַיינֶע פֵּרוֹת בְּלִיהֶען און שֵׁיין וַואקְסְן, יָגַעְתָּ וּמָצָאתָ תַּאֲמִין[ח].

### דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט אוּנְז סִיגְנַאלְן

**דֶער** נֵס פּוּרִים הָאט מִיט זִיךְ זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע לִמּוּד וָואס מִיר דַארְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען מַמָּשׁ אוֹיפְן טָאג טֶעגְלִיכֶען לֶעבְּן.

**וֶוען** עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן דִי גְּזֵרָה פוּן **לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד** אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶע הֶסְבֵּר פַּאר דִי גַאנְצֶע גְּזֵרָה, וָואס אִיז? זֵייעֶר פָּשׁוּט, מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעבִּיקְט, עֶר הָאט אָנְגֶעמַאכְט אַלֶע צָרוֹת, אַוַודַאי דִי גּוֹיִם הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט לִיבּ קֵיין אִידְן, אָבֶּער אַז מְ'רֵייצְט זֵיי אָן זֶענֶען זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ, און מִמֵּילָא אִיז עֶר אַלֶעס שׁוּלְדִיג, אַוַודַאי אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה גֶערֶעדְט אִיז דָא אַ פָּשׁוּטֶע הַסְבֵּר צוּ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, דִי קוּפְּקֶעס הָאבְּן וָואס צוּ רֶעדְן און שׁוּין.

**לְמַעֲשֶׂה** אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן דֶערְזֶען דֶעם יַד ה', און דֶערְהֶערְט אַז מְ'וֶועקְט זֵיי פוּן הִימְל, מְ'הָאט גֶעטוּהְן דְרַאסְטִיגֶע שִׁנּוּיִים פוּן תְּשׁוּבָה, גֶעפַאסְט דְרֵיי טֶעג נָאכְאַנַאנְד – דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיקֵייט בִּכְלָל, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וִוי מִיר וֵוייסְן פוּן חֲזַ"ל אַז דָאס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען פֶּסַח; מְ'הָאט גֶעמַאכְט אַ וֶועלְטְ'ס אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ.

**אַזוֹי** אִיז אוֹיךְ מִיט אוּנְז, מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל ה' אִין יֶעדֶע פַּאסִירוּנְג, און זֶען זַיינֶע סִימָנִים און סִינְגַאלֶען וָואס עֶר שִׁיקְט אוּנְז כְּסֵדֶר, און נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי נַייעֶס, און 'יוֹצֵא זַיין' מִיט עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע תְּשׁוּבָה[ט].

---

**ח.** עס איז דא זייער אסאך מעשיות אין דער נושא, פון עלטערן וואס זענען דורכגעגאנגען דער ביטערע נסיון הדור פון 'קינדער וואס גליטשן' השם ירחם, וואס אויב די עלטערן – נאכן זיך דוכרעדן מיט דעת תורה – האבן זיך געפירט מיט א סבלנות אין די ריכטיגע וועג וואס מ'האט זיי געלערנט, זענען זיי צוף סוף אנגעקומען!

**ט.** יעדער וואס האט אויגן און באטראכט וואס מיר זענען דורכגעגאנגען אין די לעצטע יארן, זעט זייער קלאר אז השי"ת וועקט אונז אויף א גאר א גרויסע אופן, און יהי רצון אז מיר זאלן זיך באמת דערוועקן.

עס איז א משל צו א בחור וואס דער וועקער פון ישיבה וועקט אים, און דער בחור שרייט "איך בין שוין אויף"! נאר פשוט אז דער וועקער זאל זיך אפטראגן, און גלייך דערנאך ווערט ער פארזינקען אין א טיפע געשמאקע שלאף..

**דֶער** אֵייבֶּעשְׁטֶער זָאל הֶעלְפֶן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְהֶערן דֶעם רוּף פוּן השי"ת און תְּשׁוּבָה טוּהְן מִיט אַ אֱמֶת, און אַלֶע צָרוֹת זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֶערְן', בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְּאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

---

י. בפרט די צרות פון אחינו בני ישראל אין מדינת אוקריינא לאור די שווערע מצב פון די מלחמה.